**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול, מעיאר עדעמס און 'פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי' קומען ארויס מיט בירגערליכע שריט קאמפיין איבערן סיטי

***קאמפיין באשיינט דאס וואס מאכט NYC פאר א געוואלדיגע שטאט און באפולמעכטיגט ניו יארקער צו ארויסווייזן זייער ליבשאפט פארן שטאט דורכן ווערן פארמישט***

גאווערנער קעטי האקול, מעיאר עריק עדעמס און די 'פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי' זענען היינט ארויסגעקומען מיט "We ♥ NYC", א בירגערליכער קאמפיין וואס ווייזט ארויס די סיטי'ס שטארקייטן און מאביליזירט ניו יארקער אין יעדע קאמיוניטי צו העלפן פארזיכערן אז ניו יארק בלייבט די מערסטע געוואלדיגע שטאט אין די גאנצע וועלט און צו גיבן 'חיזוק' פאר ניו יארק סיטי'ס אויפשטייג נאכן פאנדעמיע. דער קאמפיין איבערן סיטי וועט זיך אנהויבן מיטן באעהרן ניו יארקער וועלכע טוהען אויף פארן כלל, און זיי וועלן באקאנט מאכן געלעגנהייטן צו וואלונטירן דורך וועלכע יעדער קענען ביישטייערן.

"אנגעהויבן פון אירע אייקאנישע פאנאראמעס און לעבהאפטיגע קונסטווערק און קולטור ביז אירע בליהענדע ביזנעסער און ערשט-קלאסיגע עסנווארג — איז ניו יארק סיטי צווישן די בעסטע זאכן וואס אונזער סטעיט האט צו אפפערן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.**"דער We ♥ NYC קאמפיין וועט העלפן אפכאפן די חיות און היטן אויף די סיטי'ס גייסט דורכן מוטיגן ניו יארקער פון יעדע הונטערגרונט זיך צוזאמצוקומען, זיין פארמישט און מאכן א פאזיטיווע טויש אין זייער קאמיוניטי."

**ניו יארק סיטי מעיאר עדעמס האט געזאגט,** "די סיטי האט זיך געשטארקט איבער די טונקלסטע טעג פון די פאנדעמיע נאר צוליב די זעלבסטלאזע ארבעט פון 'עמך' ניו יארקער, און אויב יעדער פון אונז גיבט אוועק בלויז איין שעה א וואך צו טוהן עפעס פאר די כלל וועט די תוצאה זיין גאר גרויס. דאס איז פארוואס איך בין שטאלץ צו אנאנסירן די אנהויבן פון 'We ♥ NYC' בשותפות מיט גאווערנער האקול און מיט די 'פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי'. דער 'We ♥ NYC' קאמפיין פארבעט יעדן איינעם וואס האט ליב די בעסטע שטאט אין די גאנצע וועלט צו ארויסווייזן זייער ליבשאפט דורכן אויסשטרעקן א האנט צו העלפן אנדערע און פארשפרייטן די ליבשאפט צו יעדע בלאק פון אלע פינף באראוס."

**סטיווען סווארץ, CEO פון Hearst און גאר לעצטיגע קאָו-טשעיר פון די 'פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי', האט געזאגט,** "ניו יארק'ס געהיימע רעצעפט איז שטענדיג געווען די יכולת פון אונזער פארשידנארטיגע קאמיוניטיס צו ארבעטן צוזאמען, פילנדיג זיכער מיט זיך און מיט איין געמיינזאמע ציהל: צו לייזן פראבלעמען און דורכשוויצן ענדערונגען. די ברייטע רייע פון ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן זיך אין רייע צו שטיצן דעם We ♥ NYC קאמפיין ווייזט ווידעראמאל ארויס וויאזוי אונזער סיטי'ס פארשידנארטיגקייט מאכט איר שטארק."

**פרעזידענט פון די NYC צענטראלע לעיבאר קאונסיל פון די AFL-CIO, ווינסענט אלווארעז, האט געזאגט,** "די NYC צענטראלע לעיבאר קאונסיל פון די AFL-CIO איז שטאלץ זיך אנצושליסן אין די

ברייטע אונטערנעמונג צו זיכער מאכן אז ניו יארק סיטי פארבלייבט א לעבהאפטיגע און וואקסנדע שטאט. ניו יארק סיטי איז וואו מיר ארבעטן. ניו יארק סיטי איז וואו מיר וואוינען און שטעלן אויף אונזערע פאמיליעס. מיר האבן ליב NYC, און ארבעטנדע מענטשן ווילן טוהן אונזער חלק צו פארזעצן עס צו מאכן פאר די בעסטע שטאט אין די גאנצע וועלט."

די טעמעס פון דעם קאמפיין זענען קאנצעטרירט ארום וועגן אין וועלכע ניו יארקער קענען העלפן פארבעסערן די סיטי, לייגנדיג אלץ א פריאריטעט פובליק זיכערהייט, שטיצע פאר קליינע ביזנעסער, זיך אפגעבן מיט פארקס און אויפריינעניגן שמוץ. אלץ טייל פון די אונטערנעמונג צו באפולמעכטיגן איינוואוינער צו טרייבן פאר טויש אין זייערע אייגענע קאמיוניטיס, וועט דער קאמפיין אריינמישן עטליכע שותפות'ן מיט פובליק אגענטורן און מיט חסד ארגאניזאציעס אריבער די סיטי, מיט די ציהל צו באקומען א זיכערערע, מער איינוואוינער- און ביזנעס-פריינטליכע סיטי. פלאנירטע אקטיוויטעטן רעכענען אריין:

- 'ערד טאג' (Earth Day) עפענונג פון געשעענישן בשותפות מיט די NYC דעפארטמענט פון פארקס און פארוויילונג, מיט די ציהל צו אנקומען צו איין מיליאן ניו יארקער צו פלעגן זייערע לאקאלע פארקס
- קאמיוניטי רייניגונגען בשותפות מיט די NYC סעניטעישען דעפארטמענט אריבער די פינף באראוס
- אריינברענגען די פובליק צו שטימען פאר זייער באליבטע MTA MUSIC ('מוזיק אונטער ניו יארק') מוזיקאנט
- קליינע ביזנעס אדווערטייזמענטס און געלעגנהייטן צו שטיצן נייע ביזנעסלייט, אריינרעכענענדיג א קאמפיין צו קויפן פון טונקל-הויטיגע געשעפטן ("Shop Black") און א פארמעסט צו טרעפן די בעסטע מאכל אויף די מעניוס פון לאקאלע רעסטוראנטן
- 'NYC סערוויס', א זאמלונג פון וואלונטיר געלעגנהייטן אריבער די סיטי

דער NYC ♥ We קאמפיין ווערט אנגעפירט דורך מארקעטינג עקזעקיוטיוו מעריעם באניקארים, ענדרו לערנער און זייער טיעם פון [MaryamB](), ארבעטנדיג מיט די אדווערטייזמענט אגענטור Founders, Grain Group און Graham Clifford. שטיצע ווערט צוגעשטעלט פון א רייע פון ביישטייערנדע שותפים [דא]().

צווישן די ארגאניזאציעס וועלכע באטייליגן זיך אין דעם קאמפיין רעכענען זיך 32BJ SEIU, Association for a Better New York, Breaking Ground, ברוקלין פובליק לייברערי, the Bronx, Brooklyn, Manhattan, Queens, and Staten Island Chambers of Commerce, Building & Construction Trades Council of Greater New York, Catholic Charities Archdiocese of New York, Church of the Heavenly Rest, The Citizens Committee for New York City, Downtown Brooklyn Partnership, Episcopal Charities, Hotel & Gaming Trades Council, League of Women Voters of the City of New York, LISC New York, Midtown Community Court, New Visions for Public Schools, New York Building Congress, New York Cares, ניו יארק סיטי צענטראלע לעיבאר קאונסיל פון די AFL-CIO, New-York Historical Society, ניו יארק פובליק לייברערי, New York Urban League, NYC Hospitality Alliance, Open House New York, קווינס לייברערי, Tech:NYC, The Broadway League Inc., די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק, The Garment District BID, Times Square Alliance BID, און די UJA-Federation of New York.

דער NYC ♥ We סימבאל איז איבערגעארבעט געווארן אונטער טרעידמארק פון מילטאן גלעיזער'ס דעזיין פאר דעם "I ♥ NY" קאמפיין וואס איז ארויסגעקומען אין 1977. ביידע סימבאלן זענען אין

אייגנטום פון ניו יארק סטעיט'ס דעפארטמענט פון עקאנאמישע אנטוויקלונג (Department of Economic Development) וואס האט פארעפנטליכט די איבערגעארבעטע סימבאל אומזיסט.

די היינטיגע נייעס קאנפערענץ איז פראדוצירט געווארן דורך The Broadway League מיט שטיצע פון די Times Square Alliance. ביי די קאנפערענץ האט אנא אוּזעל געשפילט, זייענדיג א 'שטערן' פון די בעפארשטייענדע בראדוועי פארשטעלונג "**ניו יארק, ניו יארק**", וואס רעכנט אריין די אייקאנישע ליד וואס איז געשריבן געווארן דורך דזשאן קענדער און פרעד עב. אויך שפילנדיג ביי די עפענונג געשעעניש איז געווען Lucky Chops, א פייפער גרופע וואס איז טייל פון די MTA 'מוזיק אונטער ניו יארק' פראגראם.

די טאג וועט זיך ענדיגן מיט א באלייכטונג צערעמאניע, מיט די עמפייער סטעיט געביידע שיינענדיג מיט איר וועלט'ס-בארימטע שפיץ אין רויט מיט א רויטע We ♥ NYC הארץ אין די שטעקן אויפן שפיץ.

די אנהויב פון דעם קאמפיין באשיינט אויך ביישפילן פון ניו יארקער וועלכע טוהען אויף פאר די כלל און וועלכע ווערן באעהרט אויף די We ♥ NYC וועבזייטל, אריינרעכנענדיג באבי אקוּמע פון Dare 2 Dream, דזשאן ווענג פון די Queens Night Market, קעיטי סעוועדזש פון Hell's Kitchen Litter Legion, ענטאני און דזשעניק עדווארדס פון Eat Okra, און סאשא גוּטיערעז פון די Opera Nextdoor.

דער קאמפיין ווערט געשטיצט דורך ביישטייערונגען פון איבער 60 ביזנעסער און פריוואטע מענטשן, אריינרעכנענדיג Accenture, Advance / Condé Nast, AlleyCorp, Amazon, BFC Partners, Blunt Action, BXP, Charter Communications, Inc., Citi, Clear Channel Communications, Inc., דיענע מאליגען CEO פון Purposeful, Edelman, Ehrenkranz Partners, Empire State Realty Trust, Epicenter-NYC, Ernst & Young LLP, Fisher Brothers Foundation, General Atlantic Foundation, Google/YouTube, Hearst, Hess Corporation, IBM Corporation, Intersection, Jamestown and One Times Square, JCDecaux, KKR, KPMG US, Lee & Associates, Macy's, Madison Square Garden Entertainment Corp. און Madison Square Garden Sports Corp., Mastercard, Meta, Nasdaq, NBCUniversal, New York Life, נינא און טים זאגאט, Ogilvy, OUTFRONT Media Inc., Paramount, Pfizer, RXR, Salesforce, Shutterstock, Inc., Spotify, Sprinklr, Spyscape, Standard Industries, The CITY, The Daily Beast, The Georgetown Company, The Guardian Life Insurance Company of America, The John Gore Organization, The New York Stock Exchange, The New York Times Company, The Nicotra Group - לאָוועס און ריטשארד ניקאטרע, The Related Companies, L.P., The Travelers Companies, Inc., TikTok, Tishman Speyer Properties, Two Trees Management Co., U.S. News & World Report, United Airlines, Inc., Vornado Realty Trust, Vox Media, Wachtell, Lipton, Rosen & Katz, and WPP, VMLY&R און BCW.

**פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי קאָו-טשעיר, אלבערט בורלע, טשעירמאן און CEO פון Pfizer, האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי געניסט פון די גרעסטע קאנצענטראציע פון פארשידנארטיגע טאלאנט אין די וועלט. דער קאמפיין קומט מיט די כוונה צו אריינלייגן די ענערגיע און מיטלען פון מיליאנען ניו יארקער אריין אין פראיעקטן וועלכע ווידערהאלן אז מיר זענען די זיכערסטע, ריינסטע און מערסטע לעבהאפטיגע שטאט אין די וועלט."

**פארטנערשיפ פאר ניו יארק סיטי קאָו-טשעיר און CEO פון Tishman Speyer, ראַב ספעיער, האט געזאגט,** "ניו יארקער זענען די טרייב קראפט הונטער אונזער סיטי'ס הצלחה. דער קאמפיין באשיינט

אונזערע שטאַרקייטן, און עס וועט שטופּן מענטשן און ביזנעסער אַריבער די פינף באַראָוס צו מאַכן אונזער שטאַט נאָך אַפילו בעסער."

**MTA טשעיר און CEO דזשענאָו ליעבער האָט געזאָגט,** "די טראַנספּאָרטאַציע סיסטעם איז די בלוט וואָס פליסט אין די אָדערן פון ניו יאָרק סיטי און איז אויך צענטראַל צו די סיטי'ס קולטור. 'מוזיק אונטער ניו יאָרק' איז אַ פּראָגראַם צו אַרויסווייזן ניו יאָרקע טאַלאַנט און שפּיגלט אָפּ די פאַרשידנאַרטיגקייט פון MTA'ס פּאַסאַזשירן. מיר זענען באַגייסטערט צו זיין אַ חלק פון דעם קאַמפּיין וואָס וועט אונז פאַרשטעלן אַ נייע זייט פון אונזער MTA MUSIC פּראָגראַם און גיבן פאַר ניו יאָרקער אַ געלעגנהייט צו נעמען אַ חלק דורכן שטימען פאַר זייערע באַליבטע מוזיקאַנטן. עס איז געוואַלדיג צו זעהן וויאַזוי די גאַווערנער, מעיאָר און פּאַרטנערשיפ פאַר ניו יאָרק סיטי שליסן זיך אָן צו באַשיינען די פאַרשידנאַרטיגקייט און טאַלאַנט וואָס מאַכט אַ רייזע אויף די MTA סאַבוועי אַן אייגנאַרטיגע ערפאַרונג."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאָמישאַנער, האָפּ נייט, האָט געזאָגט,** "מיר גלויבן אינעם באַפּולמעכטיגן יעדער איינוואוינער צו האָבן אַ פּאָזיטיוויע השפעה אין זייער געגנט. דורכן שטיצן קליינע ביזנעסער, וואָלונטירן אין קאָמיוניטי אָרגאַניזאַציעס און זיך באַטייליגן ביי לאָקאַלע געשעענישן, קענען מיר אַלע שפּילן אַ ראָלע אינעם בויען אַ לעבעדיגערע צוקונפט פאַר אונז און פאַר אונזער סיטי."

**ניו יאָרק סיטי פירסט דעפּיוטי מעיאָר שינע רייט האָט געזאָגט,** "ניו יאָרק סיטי'ס גרעסטע שטאַרקייט איז די כוח פון אירע מענטשן. NYC ♥ We'ס מענטשן-געטריבענע קאַמפּיין וואָס איז געבויט אויף אַ בירגערליכע וועג נוצט אויס די גייסט פון אונזער שטאַט און דערמאַנט אונז אַז ווען ניו יאָרקער קומען זיך צוזאַם איז נישטאָ גאָרנישט וואָס מיר קענען נישט ערגרייכן. איך וויל אַפּלאָדירן גאַווערנער קעטי האָקול, די פּאַרטנערשיפ פאַר ניו יאָרק סיטי און די צאָללאָזע סיטי אַגענטורן וועלכע קומען זיך צוזאַם צו פייערן ניו יאָרק סיטי."

**ניו יאָרק סיטי דעפּיוטי מעיאָר פאַר עקאָנאָמישע און אַרבעטסקראַפט אַנטוויקלונג, מאַריאַ טאָרעס-ספּרינגער, האָט געזאָגט,** "זינט מערץ 2020 האָבן מיר געזעהן די בעסטע אייגנשאַפטן פון אונזערע מענטשן אַרויסשיינענדיג — מעדיצינישע פּראָפעסיאָנאַלן און אַנדערע 'עסענטשעל' אַרבייטער האַלטנדיג אונזער שטאַט ביים לעבן, שכנים טוהענדיג קליינע חסדים איינער פאַרן אַנדערן, קונסטלער און מוזיקאַנטן ברענגענדיג זייער שעפערישקייט צו אונזערע גאַסער, קאָמיוניטיס קומענדיג צוזאַם צו העלפן לאָקאַלע ביזנעסער בלייבן העכערן וואַסער און אַזויפיל מער. עס איז געניי די כאַראַקטער וואָס ברענגט אַרויס ניו יאָרק סיטי'ס שטאַנדהאַפטיגקייט, און איך וויל באַדאַנקען גאַווערנער האָקול און די פּאַרטנערשיפ פאַר ניו יאָרק סיטי פאַרן אַרויסקומען מיט 'NYC ♥ We' צו אינספּירירן און אַרויסווייזן ניו יאָרק'ס אומבאַזיגבאַרע גייסט."

**ניו יאָרק סיטי פּאַרקס קאָמישאַנער, סו דאָנאָגהו, האָט געזאָגט,** "מיר ווייסן אַז ניו יאָרקער האָבן ליב זייערע פּאַרקס, און אַ דאַנק מעיאָר עדעמס און די פּאַרטנערשיפ פאַר ניו יאָרק סיטי, זענען מיר באַגייסטערט צו אַריינברענגען נייע געלעגנהייטן אַנגעהויבן פון דעם פרילינג צו צוריקגעבן און זיך אָפּגעבן מיט אונזערע 30,000 אַקער פון אָפּענע שטחים און 2.5 מיליאָןביימער. אונזערע פּאַרקס און נאַטורליכע פלעצער זענען ווי אַן 'עיר מקלט' פאַר ניו יאָרקער זיך צו דערפרישן און זיך פאַרבינדן מיט נאַטור, און מיר זענען גרייט צו אַריינברענגען יעדן איינעם צו אויסשטרעקן אַ האַנט און אויפטוהן פאַרן כלל."

**ניו יאָרק סיטי סעניטעישן דעפּאַרטמענט קאָמישאַנער, דזשעסיקע טיש, האָט געזאָגט,** "אויב איר האָט ליב די שטאַט, אויב איר קימערט זיך איבער די שטאַט, אויב איר גלויבט אין די שטאַט, דאַן האָט איר אַ ראָלע צו שפּילן ביים היטן אויף איר ריינקייט. מיר קאָמיוניטי ריניגונגען אין געגנטער אַריבער די פינף באַראָוס, האָט יעדער ניו יאָרקער אַ געלעגנהייט צו ווייזן אַז זיי האָבן ליב ניו יאָרק סיטי. איך וויל

באדאנקען די פּארטנערשיפֿ פאר ניו יארק סיטי, מעיאר עדעמס און גאווערנער האקול פארן מאכן דעם קאמפיין מעגליך."

**ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון קליינע ביזנעסער סערוויסעס (Department of Small Business Services) קאמישאנער, קעווין ד. קים, האט געזאגט,** "ליב האבן אייער שטאט מיינט איינקויפן אין אייער שטאט. דער We ♥ NYC קאמפיין איז א דערמאנונג אז קליינע ביזנעסער זענען די הארץ פון יעדע געגנט, און איר קענט זיי האלטן ביים לעבן דורכן זיי מאכן אלץ די ערשטע פלאץ וואו איר שטעלט זיך אפ ווען איר קויפט איין! כאפט א בליק אויף nyc.gov/shopyourcity."

**ניו יארק סיטי מעיאר'ס אפיס פון מידיע און אונטערהאלטונג (Office of Media and Entertainment) קאמישאנער, ען דעל קאסטיאָ, האט געזאגט,** "קונסטווערק און אונטערהאלטונג זענען די הארץ און זעלע פון אונזער שטאט און די סיבה פארוואס 'We ♥ NYC'. א דאנק פאר די פּארטנערשיפֿ פאר ניו יארק סיטי, מעיאר עדעמס און גאווערנער האקול פארן ארויסקומען מיט דעם קאמפיין וואס ברענגט אריין ניו יארקער און באשיינט ניו יארק סיטי'ס מוזיקאנטן."

**ניו יארק סיטי טשיעף ענגעידזשמענט אפיסער, בעטסי מעקליען, האט געזאגט,** "מיר האבן אלע ליב ניו יארק סיטי, מיט איר גאנצע קאמפליצירטקייט, מיטאלע אירע פעלערס — עס איז די פלאץ וואס מיר רופן אונזער היים. און וואס קען זיין א בעסערע וועג צו פארשפרייטן די ליבשאפט ווי אוועקגעבן פון אונזער צייט, אונזערע כשרונות און אונזערע באמיאונגען פאר אונזערע שכנים, אונזערע בלאקס, אונזערע בארואס און אונזער שטאט? מיר זענען באגייסטערט זיך צוזאמצושטעלן מיט די פּארטנערשיפֿ פאר ניו יארק סיטי צו ליב האבן אונזער שטאט דורכן איר דינען. עס איז נישטא קיין גרעניץ צו די וועגן וויאזוי ניו יארקער קענען פארשפרייטן זייער ליבשאפט — איר קענט איינפלאנצן בלומען אין אייער לאקאלע פארק, אויסטיילן מאלצייטן פאר שכנים אן הייזער, אויסלערנען ענגליש פאר פליטים, זיין א מדריך/מדריכה פאר יונגע ניו יארקער און אזוי ווייטער און ווייטער. א ריזיגע דאנק פאר קעטי ווײלד פאר איר פירערשאפט, און פאר טשיעף סערוויס אפיסער לאורע ראג און איר דינאמישע NYC Service מאנשאפט פארן אונז גיבן די געלעגנהייט צו פארשפרייטן אונזער ניו יארק סיטי ליבשאפט."

**ניו יארק סיטי טשיעף סערוויס אפיסער, לאורע ראג, האט געזאגט,** "טיף אינעווייניג מיינט ליבשאפט העלפן איינער דעם אנדערן — זיך איבערגעבן צו א געמיינזאמע חזון פון די בעסטע אייגנשאפטן פון אונז און פון אונזער געוואלדיגע שטאט. יעדן טאג איז דא א געלעגנהייט צו אויפהייבן איינער דעם אנדערן און זיך פארבינדן אין וועגן וואס האבן א השפעה, און מיר לאדענען איין אלע ניו יארקער צו נעמען א חלק אין דעם '*Spread Love NYC*' (פארשפרייט ליבשאפט, ניו יארק סיטי) קאמפיין. NYC Service איז דאנקבאר צו קענען זיך אנשליסן מיט די פּארטנערשיפֿ פאר ניו יארק סיטי און מיט אלע אונזערע נאנ-פראפיט שותפים און סיטי אגענטורן צו צושטעלן באדייטפולע צוטריט, געלעגנהייט און מיטלען פאר קאמיוניטיס זיך צוזאמצוקומען און זיך אפרופן צו קומען העלפן."

**ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט צייטווייליגע CEO, ליסא באָוועּ-היאט, האט געזאגט,** "פובליק קונסטווערק שפיגלט אפ די לעבהאפט און דערציילט די געשיכטע פון קאמיוניטיס, און מיר זענען באגייסטערט אז דורך א פראצעדור וואס מוטיגט מענטשן זיך צו באטייליגן דערין, וועלן איינוואוינער אין Morrisania Air Rights קענען דעזיינען און אינספּירירן א נייע וואנט באצירונג. א דאנק פאר אלע אונזערע שותפים וועלכע האבן דאס ערמעגליכט, אזוי ווי מיר ווייסן אז די וואנט וועט זיין א וואונדערבארע צוגאב צו די דעוועלאפּמענט."

**BJ SEIU32 פרעזידענט, מעני פעסטרייק, האט געזאגט,** "מיר וואלטן נישט געקענט זיין מער באגייסטערט זיך אנצושליסן אין די דינאמישע גרופע פון לעיבאר, ביזנעס און פאליטישע פירער צו ארויסברענגען די פארשידנארטיגקייט, ענערגיע און קולטורישע שטארקייטן וואס מאכן ניו יארק פאר א

גלאבאלע שטאט. BJ32'ס מיטגלידער זענען געווען צווישן די הויפט 'עסענטשעל' ארבייטער אויף די פראנט ליניעס פון די סיטי'ס קאמף מיט די פאנדעמיע, און זיי האבן אויך געשפילט א ראלע אין ניו יארק'ס עקאנאמישע ערהוילונג. מיר וואלטן נישט געקענט זיין שטאלצער צו ברענגען אונזערע מיטגלידער'ס אייגנארטיגע קוק ווינקלען צו די פייערונג פון ניו יארק'ס בירגערליכע, קולטורישע און עקאנאמישע דינאמיק."

**האטעל און געימינג האנדל קאונסיל (Hotel and Gaming Trades Council) פרעזידענט, ריטש מאראָקאָו האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט זיך אנצושליסן אין די דינאמישע גרופע פון רעגירונג און בירגערליכע פירער אין די אונטערנעמונג צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס ערהוילונג. ארבייטער אין די האטעל אינדוסטריע קענען נישט זיין מער אייפערדיג און ענטוזיאסטיש צו זעהן ניו יארק סיטי'ס אויפשטייג נאכן פאנדעמיע. מיר זענען איבערגעגעבן צו טוהן אלעס וואס עס פעהלט אויס צו זעהן יעדע געביט פון אונזער שטאט און יעדע ווינקל פון אונזערע קאמיוניטיס צוריקקומענדיג צו זייער פולע לעבהאפט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן